STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04548

IN MESHEKH FUN YORN

Relly Blei

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר ע ל י ב ל ײ

אין משך פון יאָרן

גראפיקער: וויקטאָר מאשעק

[illegible]

[illegible]

1976.

רעלי בּליי

אין משך פון יאָרן

קריטעריאָן

זאָל דאָס ביכל זיין א מצבה
פאר מיינע טאטע־מאמע
און שוועסטער ברידער —
וואָס ליגן אין די מאסן־גריבער
פון טראנסניסטריע
אָן תכריכים און אָן מצבות.

די אלטע היים

די באלאדע פון דעם דאָרפס־ייד יעקב־אײַזיק

1

אין א דערפעלע באהאלטן
צווישן בארג און וואלד,
איז געשטאנען זיך א הייזל
איינגעהויקערט, אלט.

דאָרט געוווינט ס׳האָט יעקב־אייזיק
שוין זייט יאָרן פיל,
און ווי א ייד אין דאָרף
געגאנגען יעדן טאָג אין שיל.

ר׳האָט געהאט א שטוב מיט קינדער
ווי פאר יידן ס׳פאסט,
איז ביי אים געווען דער הונגער
גאָר אן אָפטער גאסט.

וועגן ברויט, וועגן פרנסה
נאָר געזאָרגט. געטראכט
און פאר דאגות ניט געשלאָפן
צומאָל א גאנצע נאכט.

צו גאָט האָט ער געהאט א טענה;
— וואָס ווילסטו פון מיר?
האָב איך דען א מאָל פארגעסן
טריי צו דינען דיר?

פאסט איך נישט אלע תעניתים
היט די מצוות דאָך,
וואָסזשע ווילסטו, זאָג מיר בורא
וואָסזשע ווילסטו נאָך?

גאָט ווי תמיד האָט געשוויגן
ער איז אלט און טויב,
הערט ער נישט ווען מען אים זידלט
הערט אויך נישט די לויב.

ס׳ווערט רעב יעקב־אייזיק בלייכער
און זיין באָרד ווערט גראָ,
נאָר צו אים עס וויל ניט קומען
כאָטש איין גוטע שעה.

ס׳יאָגט זיך שנעל דער גרויסער ווייזער
טראָגט אוועק די צייט.

קינדער זענען אויסגעוואקסן
זיך צעלאָפן ווייט.

סרוליקל, דער זון דער עלטסטער
ס'אַרא קאָפּ ער האָט
וואָלט געקענט אויף רב זיך לערנען
נאָר עס העלפט נישט גאָט.

סרוליקל וועט זיין א בלעכער.
ווי צום טאטנס טעג.
לערנען וועלן שמעונס זינדלעך,
שמעון האָט א זעג.

אויך דער צווייטער און דער דריטער
באלד פארלאָזט דאָס הויז.
עס פרעסן פון זיי בעלי־בתים
לאנג דעם מארעך אויס.

שווער די ארבעט איז ביים בלעכער,
טרויריק איבעראל
איז געגאנגען סרוליק זוכן
זיך א זונען־שטראל.

האָט ער טאַקע אים געפונען
באַלד, ביי גוטע פריינט,
זיצט מען אָוונט שפּעט צוזאַמען
און מען לערנט, לייענט.

ביי אַ לעמפּל וואָס קוים פלאַקערט
סרוליק לערנט, טראַכט,
עס ווערט אין מח אים אַלץ העלער,
ס'ווערט דאָס האַרץ אים לייכט.

מאַרקס און ענגעלס אים געוויזן
וואָס ס'איז רעכט און גוט
אים דערצויגן צו אַ קעמפער
פול פאַרטרויען, מוט!

שווערע יאָרן, לערן־יאָרן
זענען אויך פאַרביי.
שווער געווען דעם וועג געפונען
ביז צו דער פּאַרטיי.

פאַר דער גרויסער ליבע זיינער
צו זיין היים, זיין קלאַס,

האָט מען אים באַלוינט מיט תפיסה,
און מיט ווילדן האַס.

מיט דאָפּטאַנאַס קאַלטע צעלן
האָט ער זיך באַקענט
ס'האָבן אָבער אים דערוואַרעמט
די חברימס הענט,

וועלכע אויסגעשטרעקט מיט ליבשאַפט
זיך אַנטקעגן אים.
ר'האָט אין זייער וואָרט דערפילט באַלד
פון פּאַרטיי די שטים.

ווען עס האָט דער תפיסה־טויער
זיך נאָך אים פאַרמאַכט,
גייט ער קעמפן מיט מער כח
קעגן רויבער־מאַכט.

דאַן ער איז אַהיימגעפאָרן
טאַטע־מאַמע זען.
זענען שוין די קליינע קינדער
אַלע גרויס געווען.

מיטגעבראכט האָט ער פאר זיי
מתּנות אָן א שיעור:
הויכע, הערלעכע געדאנקען
אויף באדרוקט פאפיר.

האָבן זיך צונויפגעטראָפן
אין אלטן ביכערשראנק:
פרצס הייסע געפילן
קארל מארקס געדאנק.

ס'האָבן ענגעלס הויכע לערעס
זיך פון דאָרט צעשפרייט,
ס'האָט לענינס קלאָרע ווערטער
גלויבן אויסגעזייט.

וווּ דער זאָמען איז געפאלן
ער געשפראָצט האָט באלד,
ס'האָט א רויטע רויז געבליט דאָרט
און ווי א זון געשטראלט.

אויך א שוועסטער איז געגאנגען
באלד דעם וועג פון ברודער.

גרויס דער צער פון טאטע־מאמע,
א קינד אין תפיסה ווידער.

ס'איז מלחמה, א האק א שארפע
אריין אין גרינעם וואלד,
האקט זי, האקט זי אָן רחמנות,
בוים נאָך בוים עס פאלט.

אין טראנסניסטריענס מאסנגריבער
ליגן טאטע־מאמע.
אָן תכריכים אָן מצבות,
מיט א סך צוזאמען.

2

ס'איז דאָס לאנד א שאנטיער
פון ביקאז ביז דוניי.
ס'איז דאָס לאנד א שאנטיער
וו מען בויט אלץ אויפסניי.

צו דעם בנין וואָס וואקסט
לייגט א שטיין אויף א שטיין,

אויך א בחור פול קראַפט
ווי א פרילינגס־טאָג שיין.

ס'איז זיין האנט אזוי פעסט,
פול קאַיאָר איז זיין בליק.
ס'איז זיין מוט אזוי דרייסט —
ר'איז פון טאַטן א שטיק.

אויך ווי ער אזוי קלוג
ווי זיין זיידע אזוי טריי,
טיפע ליבשאַפט צום לאנד,
ר'האָט געירשנט פון זיי.

דאָס איז סרוליקס א זון
דער מעכאַניקער שמואל
וואָס פארוואנדלט אין וואָר
פון זיין טאַטן דעם ציל.

מײַן מאַמע

עלף קינדערלעך געבוירן
האָסטו מוטער מײַנע.
ניין פון זיי האָסטו דערצויגן
אויף די אָרעמס דײַנע.

שטענדיק אײנס אין בויך געטראָגן
אויף די הענט אויך אײנס —
און בײַם פאַרטעך דיך געצויגן
דאָס דריטע אויך א קלײנס.

ס׳האָבן יעדע שווערע ארבעט
דײַנע הענט געטון אָן רו
קאָכן, קנעטן, וואַשן, נייען
שטענדיק ארבעט, שטענדיק מי.

ווען ס׳האָט פיבער מיך געמוטשעט
האָבן זיי געקילט דאָס פײַער

מאמע הענט, איר הייליקע
מאמע הענט, מיר ליב און טייער.

האָב איך דען גענוג געטאָן
אויף דיין עלטער צו דערפרייען?
איך בין געגאַן מיין אייגענעם וועג
מוזט עס מוטער מוחל זיין.

ניש געדינט איך האָב דיין גאָט
וואָס דיך פאַראָטן סיי ווי סיי
גאָר געהיט האָב דאָס געבאָט
„כבוד אָב ואם" געטריי.

מײַן פֿאָטער

מײַן פֿאָטער איז געװען אַ ייד אַ פּראָסטער,
דאָס אַקער־אײַזן פֿירן האָט ער אױך געקאָנט.
און האַקן האָלץ, פֿון גראָבן אינעם גאָרטן
מאָזאָליעס האָבן אים באַצירט די הענט.

מיט מודה אני האָט זיך אָנגעהױבן
בײַ אונדז דער טאָג, אַז מ׳איז אַראָפּ פֿון בעט.
די מאַמע האָט אים אונדז שױן אױסגעלערנט
װען מ׳האָט די ערשטע װערטער קױם גערעדט.

אין אַלטן ביכער־שראַנק זענען געשטאַנען
שלום־עליכם, פּרץ, אױך טאָלסטאָי.
נאָר פּרצן מיט זײַנע גרױסע װאָנציעס
דער טאַטע האָט געהאַלטן פֿאַר אַ גױ.

און נאָך אַ סך פֿון גרױסע דיכטער, דענקער
אין יענעם שרענקל האָבן זיך פֿאַרקליבן,

נאָר דער תג׳ך איז פאַר מיין טאַטע־מאַמע
דאָס בוך פון אַלע ביכער פאַרט געבליבן.

אין אים מען האָט געלייענט די ווונדער־מעשיות,
ביי די נביאים מ׳האָט א טרייסט געפונען —
ווען שווער עס איז געווען דעם עול צו טראָגן —
געוואָלט כאָטש א ווײַלע פון אים אַנטרינען.

וווּ זענען זיי מיין פרומע טאַטע־מאַמע?
זיי ליגן אָן תכריכים אין פרעמדער ערד.
די קברים זייערע באַצירן קיין מצבות.
צו זיי אויף קבר־אָבות קומען איז מיר נישט באַשערט.

דער באָבעס מעשיות

זיצט די באָבע אויף איר בעטל
אין די לאַנגע ווינטערנעכט.
הערט מען נאָר די שפּיזלעך קלינגען,
שטילערהייט דעם זאָק זי פלעכט.

פרעגט זי מיך די אַלטע באָבע:
שלאָפסט נישט רחלע מיין קינד?
כ'האָב דערמאָנט זיך אין אַ מעשה
איך קאָן דערציילן זי אַצינד...

איך געדענק נאָך יענע מעשיות —
נישט נאָר איינמאָל כ'האָב געגלויבט.
איך אַליין בין די בת־מלכה
וואָס אַ גזלן האָט געראויבט.

נאָר מיין העלד וועט מיך געפינען
און מיך אויסלייזן געשווינד

אויף זיין פערד מיר וועלן פליען —
זיך פארמעסטן מיטן ווינט.

אויך די גרוילדיקסטע מעשה
האָט געהאט א גוטן סוף
אזוי זענען שוין די מעשיות
אלעס בייזע האָט זיין שטראָף...

איי מיין גוטע ליבע באבע,
לאנג שוין האָב איך דעם פארדאכט:
דו אליין האָסט יענע מעשיות
פאר די אייניקלעך פארפאסט.

דער מאַמעס מוסר

ס׳איז געווען די מאַמע גאָר אַ פֿרומע
האָט זי קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרשטיין
אַז מען ציטערט ניט פֿאַר דער נשמה
וואָס זי וועט אַ מאָל אין הימל זיין.

זאָגט זי מוסר, רעדט זי לאַנגע שעהן —
טאָן מען זאָל אַזוי־ווי גאָט געפֿעלט.
הערט מען זיך ניט צו, מען לעבט אין טרוימען
בויט מען זיך פֿון זיי אַ שענערע וועלט.

שרעקן דיך קיין פֿייערצונגען, קעסלען סמאָלע,
גלויבסט אינגאַנצן נישט דער מאַמעס רייד.
ס׳בענקט דיין האַרץ נאָך גליק, נאָך יונגער ליבע,
קען דען זינד זיין דאָס, וואָס עס איז פֿרייד?

ווערסטו עלטער, ווערט דער מוסר שאַרפער.
אויף די אייגענע וועגן ווילסטו גיין —
פּראַלטטו אויף די טיר,
עס רופט די ווייט דיך —
אַנגעווייטיקט בלייבט די מאַמע אליין.

דער זיידע מיטן אייניקל

ס׳האָט דער זיידע אַ לאַנגע באָרד,
גוטע מידע אויגן,
אָפּגעהאָרעוועטע הענט
וואָס צום שפּיל נאָך טויגן,

שפּילט ער מיט דעם אייניקל
זיך אַ גאַנצן טאָג,
ביז די באַבע זאָגט צו אים:
— זאָל שוין זײַן גענוג!

זעלטן דײַנע קינדערלעך
האָסטו אָנגעקוקט,
נאָר בײַנאַכט ווען ס׳האָט געוויינט
האָסטו עס פֿאַרוויגט.

— קינדערלעך דער קערן זענען —
אייניקלעך דער רווח.

איז א ווונדער, אַז מיט זיי
מערער נאָך מען פרייט זיך?

ס'האָט דאָס פּיצל אייניקל
חענטעלעך, גאָפּעלעך צוויי,
רייסן זיי דעם זיידנס באָרד
וואָס איז ווייס ווי שניי.

נאָר דעם גוטן זיידעניו
אַרט דאָס קיינמאָל ניט
און ער קושט די פינגערלעך
ביז זיי ווערן מיד.

לייגן זיך די הענטעלעך
אַרום האַלדז פון זיידע,
ווערט די באָרד א קישעלע
און — זיי שלאָפן ביידע.

מיינע שפּילעכלעך

מיין מאַמע האָט קיין שפּילעכלעך
מיר קיינמאָל ניט געבראַכט,
די ליאַלקעס האָב פון שמאַטקעלעך
און פון פּאַפּיר געמאַכט.

די שאַכטעלעך פון שוועבעלעך
די שטיינדלעך פונעם טייך
האָבן דאָס קינדער־האַרץ באַגליקט
מיט פרייד באַשאַנקען רייך.

די בלומען פונעם גערטנדל
אויך שפּילעכלעך געווען.
די ברוינע שטיינדלעך — שאָקאָלאַד,
קיין אַנדערע נישט געזען.

די שפּיל־חברים — שוועסטערלעך,
געווען אַ האַלבער טוץ.

צומאָל האָט מען זיך אויך צעקריגט
זענען געפלויגן שמיץ.

די רוגזה האָט ניט לאנג געדויערט
מען האָט זיך ווידער ליב.
ווי לאנג שוין שוועסטער, אוי ווי לאנג
ליגט איר אין מאסנגרוב.

מיט באָרוועסע פיס

מיט באָרוועסע פיס אויף טויאיקע גראָזן
בין איך געלאָפן אויף בערגלעך און טאָלן.
די מאמע ערד האָט מיר כוח געגעבן —
ווי שיין איז געווען דאָס לעבן:

איצט גיי איך אויף טראָטוארן הארטע
די פיס אין לעדערנע שיך איינגעשפּארטע,
בענקען זיי נאָך די טויאיקע גראָזן,
וואָלטן געוואָלט זיך ווידער לאָזן
באָרוועסע איבער די דאָרפישע שטראָזן
און ווידער פילן די קראַפט פון דער ערד.
וועט עס נאָך זיין זיי באשערט?

מיין בוים

שטייט ער דאָרט מיין שיינער בוים
מיט די ברייטע צווייגן.
שטייט ער און באַוועגט זיך קוים
אין זיין שטאָלצן שווייגן.

פּלוצעם הערט א רוישן זיך
כאָטש עס גייט קיין רעגן
ס'לאָזט א ווינטעלע צום טאַקט
די בלעטער זיך באַוועגן.

ס'איז דער בוים דער דיריגענט,
דאָס באַלעט די צווייגן —
צו ר מוזיק פון ווינטעלע
זיי הייבן זיך און נייגן.

אין געטאָ

אין טראַנסניסטריע

אין טראַנסניסטריע אין די שטעטעלעך
לעבן אַ סך פּאַרטריבענע היינט.
און איעדערער האָט אַ גרוב שוין דאָ,
פון אַ טייערן, אַ ליבן, אַ פריינד.

אין טראַנסניסטריע, אין אַ שטעטעלע
איז מיין מאַמעס לוויה געווען.
קיינער ווייסט נישט ווו, קיינער קען דאָס אָרט
און איר גרוב עס באַצייכנט קיין שטיין.

קיינמאָל וועל איך ניט, וויינען ביי דיין גרוב,
קיינער האָט נאָך דיר קדיש געזאָגט.
אַוועק זענען דיינע זין, קיינער ווייסט ווהין
און קיין קינד האָט דיין קבר באַקלאָגט.

דיינע קינדער און דיינע אייניקלעך
אַלע ליגט איר אין פרעמדער ערד דאָרט,

אין דעם מאסנגרוב פון טראנסניסטריע
רוט מען ניט אויף א הייליקן אָרט.

טייערע ברידער מיין, גרויס איז אייער טויט
כאָטש קיין העלדן איר זענט נישט געווען.
ניט אין גלייכער שלאכט, מ׳האָט אייך אומגעבראכט.
נאָר דער הונגער עד האָט אייך געטויט.
קומען וו׳עט דער טאָג, קומען מוז דער טאָג
ווען מיר וועלן באצאָלן די שולד,
פאר די טייערע, דאָ באגראָבענע
פאר די מאמעס, די קינדער אָן צאָל.

1942

מיין פארמעגן

ברעטער פיר, צונויפגעשטעלט א פריטשל
אין א ווינקל ביי דער גאסער וואנט
ס'איז מיין בעט, מיין בענקל און מיין טישל
רוים געגוג פאר מיר אין ווייטן לאנד.

אויף א שטריקל הענגען א פאר ווינדלען.
ביי דער טיר דאס קינדער־בעטל שטייט.
אויפן פענצטער פלאקערט קוים א קאנעץ,
עדות פון מיין גרויסער ארעמקייט.

לעבן אים ס'ליגן א פאר ביכלעך
וואס זיי וואנדערן פון האנט צו האנט.
ס'האט א בילד זיך אויך אהער פארבלאנדזשעט
וואס ס'שמייכלט טרויעריק פון דער וואנט.

ס'הענגט לעבן אים א זעקעלע מיט גריפן
און דער רוקזאק מיט מיין גאנץ פארמעג.

וואָס ער האָט מיר לאַנג געדריקט די פּלייצעס,
און מיך טרײַ באַגלייט דעם ווייטן וועג.

כ׳האָב אַ סך פאַרמאָגט שוין אין מײַן לעבן
איך בין געווען אַמאָל מיט יעדן גלײַך
היינט צוויי זאַכן זענען מיר פאַרבליבן
און כאָטש אָרעמקייט איך בין אַלץ רײַך.

כ׳האָב אַן אוצר, יאָ, אַ גרויסן אוצר.
ווער וואָלט אָט דעם אוצר ניט געוואָלט?
מיט צוויי לאַכנדיקע שוואַרצע אויגן
מיט אַ לאָקן־קעפּעלע ווי גאָלד.

אין דער טיפער גלויבן איז געבליבן:
אונדזער׳ע, זיי קומען כאָלד צוריק,
וועלן האָבן מיר דעם גרויסן יום־טוב
פון באַפרייונג, און פון גרויסן זיג.

דער משכון

דו ביסט שוין לאַנג פֿון מיר אוועק.
שוין יאָרן לאַנג בין איך אַליין.
איך האָב געליטן און געבענקט
און איך בין דיר געטריי געווען.

איך פֿרעג מיך היינט נאָך לאַנגער צייט
צי איז דיין טראַכטן אויך ביי מיר.
צי האָסטו אויך אין לאַנגע נעכט
געבענקט, געוויינט ווי איך נאָך דיר.

איך פֿרעג מיך אויך מיט ביטערקייט
— אַז דו וועסט קומען מיר צוריק,
וועסטו מיר נאָך דאָס לעבן זיין —
וועל איך כאָר דיר נאָך זיין דאָס גליק?

צי אין מיין בילד אין האַרץ דיר ניי
צי אפֿשר שוין פֿאַרבלאַסט און וויייט?

צי אפשר האָט אַן אנדער בילד
מיך שוין פארטריבן פון דיין זייט?

אפשר אויך אַן אנדער בילד
האָט דיך פון מיר דערווייטערט היינט,
אין הארצן בלייבסטו אלץ מיר טריי
מיין מאַן, מיין חבר און מיין פריינט.

איך וועל פארשטיין, וועל מוחל זיין,
אז קומען וועסטו מיר צוריק —
איך ווייס ווי שווער ס'איז מיר געווען
ווי ס'עס האָט געבענקט מיין הארץ נאָך גליק.

נאָר וואָס עס זאָל ניט זיין געשען
וועסטו קומען דו צוריק צו מיר:
דו האָסט א משכון מיר געלאָזט:
„דיין קינד, דיין זון א שטיק פון דיר״.

1944

דער מאסנגרוב

א טשערעדע צונויפגעטריבן שטייען זיי אויפן פעלד,
אונטערגיין א ביסל שפעטער וועט פאר זיי די וועלט.
אהינגעיאָגט צום שעכטן זיי, דאָרט צו יענעם בארג —
ווי זאָל מען ווערן זיך, אז דער שונא איז שטארק!?

זענען דאָס דאָך קיין סאָלדאטן
וואָס באוואָפנט מיט הארמאטן;
קינדער קליינע,
ווייבער, זקנים,
קיינער איז צוריקגעבליבן,
אלע זיי ארויסגעטריבן
פון דער ווארעמער שטוב.

דאָרטן ווארט אויף זיי דער גרוב,
דריקט א טאטע איצט צום הארצן צו
צום לעצטן מאָל זיין קינד.
בייזערט זיך אויף גאָט, וואָס אלט איז,
אן רחמנות, טויב און בלינד.

לעבן אים, סע שטייט א ווייב,
וואָס דאַרף איצטיקן מאמע ווערן,
טוט א קוק זיך אויפן לייב,
און ס׳גיסן זיך די טרערן.

דיך מיין קינד מקנא בין איך,
וואָס דו ביסט נאָך ניט געבוירן
דיך האָט קיינער נאָך געפייניקט
האָסט קיין וועלט נאָך ניט פארלוירן.

פארגאַן א יאָר און נאָך א יאָר,
פארגאַנגען יאָרן צוויי —
און אויף דעם גרויסן מאַסנגרוב
עס ליגט א בארג פון שניי.

פארגאַן דער ווינטער, פרילינג איז
און אויף דעם גרויסן גרוב
האָבן טויזנט בלימלעך זיך צעבליט.
פאר די אין גרוב עס בליט ניט מער,
די ערד וואָס האָט זיי צוגעדעקט
איז נאַס און קאַלט און שווער.
און אויס דעם קבר דאָרטן טיף,

מען הערט א געשריי, א הייסן רוף —

אין קבר דאָרט עס רוט זיך ניט,
עס שרייט, עס ברענט, עס קאָכט, עס זידט:
נקמה! שרייט דאָס בלוט.

1943

בענקשאפט נאָך גליק

ס׳נעמט ארום א טיפער טרויער
און עס בענקט זיך הייס נאָך גליק.
ס׳שטייט פאר מיר א הויכער מויער
ער באהאלט פאר מיר דאָס גליק.

וויל דעם טויער איך אריבער
קאָן איך ניט ווייל ער איז הויך,
איך וויל דעם מויער דורכברעכן —
און צערברעך מיר נאָר דעם מוח.

איך וועל מיר א גליק אויסקלערן,
וואָס ער וויל דער מענטש ער שאפט:
געקאָנט א גאָט געבוירן ווערן
ווייל דער מענטש האָט אים באדארפט.

האָב די פּען אין האַנט גענומען
צום פּאַפּיר געווענדט מײַן בליק —
און געזאָגט מיר: שרײַבן קענען
וואָס מען פילט, איז דאָס קיין גליק?

1943

בײַם מאַשינדעלע

בײַם מאַשינדעלע בײַם קלײנעם
זיץ איך — און די נאָדל נײט.
און איך דרײ דאָס רעדל שנעלער —
און מײַן מוח אַרבעט, גײט.

פלײסיק פּירט מײַן האַנט די נאָדל
ברענגט דאָס ברויט אין שטוב אַרײַן,
און מײַן מוח קלערט אויס לידער
פון דער פרײַהײט וואָס וועט זײַן.

ווײַל מײַן מידער גוף שוין רוען,
מאַכן זיך די אויגן צו,
די געדאַנקען פליען, פליען
און זײ גיבן מיר קײן רו.

די געדאַנקען פליען
איבער גרענעצן צום לאַנד

וו אין קאמף עס שטייט מיין ברודער
און ער האָט א ביקס אין האנט.

און ער וועט דעם שונא שלאָגן
און ער וועט אויך מיך באפרייען,
שיק איך אים א גרוס א הייסן,
אים, וואָס וועט דער זיגער זיין.

יוגנט, יוגנט...

געדענקסט ווען אין זומערפארנאכטן
דורכן שטעטל געגאן כ'בין מיט דיר
און אלץ, וואָס בייטאָג זיך געטראָפן
פאמעלעך דערציילט האָסטו מיר?

און אָט אונדזער באנק אונטערביימער —
מיר זיצן און אָטעמען גרינג.
דו בעטסט, אין דער קילקייט פון אָוונט
א ליבע־ליד שטיל איך דיר זינג.

דאן בלייבן מיר לאנג און מיר שווייגן
און זאפן די נאכט איין אין זיך,
און ווי אין די טעג פון מיין קינדהייט
אָן וווּנטשן גליקלעך בין איך.

טעג איר מיט שפּע געבענטשטע
נעכט — אומפאַרגעסלעכע טרוימען!
מיט וואָס, חוץ מיט בענקשאַפט פאַרפילן
פון דעמלט ביז איצטער די רוימען?!

איך טראַכט וועגן יענע פאַרנאַכטן
און עפּעס ביים האַרץ טוט אַ ריר.
און שטאַרקער דעם הויך פון פאַרגאַנגען
און פון קיינמאָל ניט זיין מער איך שפּיר.

1942

דער צוקונפטס־טרוים

אז דער היינט איז אזא שוועו׳ער
און דער נעכטן אזוי ווייט,
מוז מען דאָך צום מאָרגן טראכטן
צו דער קומענדיקער צייט.

וואנדער איך אין צוקונפטס־טרוימען
אין מיין אלטער היים איך גיי
פרייד און שלום מיך באגעגענען.
ווער מיר קריג און וואָס מיר וויי.

אלע פעלקער זענען ברידער
און מיין פאָלק איז אין דערמיט.
ס׳איז קיין שנאה מער פאראנען
גישט אפילו קעגן ייד.

און מיין היימלאנד דאָס באפרייטע
טאנצט אין פרייגטשאפטס־האָרע מיט,

און מײַן הײמלאַנד דאָס באַנײַטע
זינגט דאָס שענסטע פרײַהײטס־ליד.

טריקאָלאָר און רױטע פאָנען
פלאַטערן דאָרט אין זונען־שײַן —
הײַנט איז אַלעס נאָך אַ חלום,
מאָרגן װעט עס אמת זײַן.

1943

צוויי הינט

ס׳האָט א יונגער הונט געזאָגט, צו אן אלטן הונט א קלוגן:
איך קאָן די מענטשן נישט פארשטיין, זיי זענען פול מיט ליגן.
למשל: אלע גלויבן זיי, זיי זענען גוט, גערעכט
און „כלב״ ווערט גערופן דער, וואס אים האלט מען פאר שלעכט.

איך קאָן דאָס אלעס ניט פארשטיין, איך בין א יונגער הונט
נאָר דו מיין ברודער, ענטפער מיר, אויף אלעמען אצינד.
דער וואָלף, אז הונגער מוטשעט אים, א לעמעלע וועט פרעסן
דער טיגער קאָן אין ווילדן כעס, א בערעלע צערייסן

און אויך דער הונט, מיין ברודער, קען אין כעס, זיין שונא בייסן.
דאָך קיינמאָל וועט א טיגער ניט, א טיגערל צערייסן.
און קיינמאָל וועט א וואָלף אין וואלד, א וועלפעלע אויפפרעסן.
די ווילדע חיות טוען ניט די אייגענע פארגעסן.

וואָס טוט דער מענטש? ער הרגעט ניט דערפאר, וואָס ער וויל עסן
ער שיסט דאָס פייגעלע אין דער לופט, ווייל ער וויל בלוט פארגיסן.

ער יאָגט דעם פּלינקן האָז אין וואלד און איז גאָר ניט אין כעס
ער הרגעט אים ווייל בלוט צו זען, דאָס מאכט אים פרייד און שפּאס.

און אז מען שיקט׳אים וועט ער גיין און הרגעט זיינע ברידער
זאָג מיר, צי האָט עס שוין געטאָן א מאָל דער ווילדער טיגער?
דער הונגעריקער וואָלף אין וואלד, צערייסט נאָר לעמער, רינדער.
און מענטשן, אויב מען הייסט זיי נאָר, צערייסן מענטשן־קינדער.

עס איז א גרויסע בושה מיר, און איך וויל עס נישט מער הערן
אז דער פון זיי וואָס איז גאָר שלעכט, זאָל „הונט״ גערופן ווערן.

1943

פאריז 1943

עס מאַרשירן היטלערס באַנדעס
אויפן שאַנס עליזיי,
ביז צום פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרדע,
איז עס וואָר וואָס דאָרט איך זע?

יאָ, די אַלטע שטאָט די שיינע
טראָגט דעם שווערן שקלאַפן־יאָך,
און פּאַשיסטנשטיוול טרעטן
אירע פּלאַסטערשטיינער נאָך.

אויף די שיינע בולווארן
הענגט פון פירער דער פּאָרטרעט,
נאָר אין קעלערס, אויף מאַנסאַרדעס
גרייט נקמה דער פּראָלעט.

מוטיק שפּאַגעץ שוין די רייען
פון פּאַנטעאָן ביז צור באַסטיל.

ס׳רופט צום קאַמף די מאַרסיליעזע
נישט באַהאַלטן מער, נישט שטיל.

און די טייערע שטאָט פון פרייהייט
איז צום לעבן ניי דערוואַכט.
ס׳האָט דער פיינט זי שווער פאַרפייניקט
אָבער ניט זי אומגעבראַכט.

שטאָט פון פרייד און שטאָט פון ליבע,
שטאָט פון ליכט און שטאָט פון לוסט,
דיך פאַרגעסן כ׳וועל ווען ס׳וועט ניט
קלאַפּן מער מיין האַרץ אין ברוסט.

1943

פסח אין דער היים

ס'איז די שטוב שוין אויסגעפוצט
און ווי א כלה צוגעגרייט.
יעדעס ווינקעלע געוואשן, יעדעס ווינקעלע פארשפרייט.
עס גייט דאָס קעצל אָנגעטאָן אין קליינע ווייסע שיכעלעך:

און די קעפלעך פון די צוועקעס טראָגן קאָפּנטיכעלעך.
אויפן טיש עס ליגן מצות, חרוסת, וויין
און די מאמע איז א מלכה
און דער טאטע איז א מלך.

אָפּגעוואשן איז דער הימל
יום־טובדיק סע שיינט די זון.
א גוט יום־טוב זינגט דאָס ווינטל,
א גוט יום־טוב זשומט די בין,

שוין, ס'איז שפעט, שוין נאָכן סדר,
שלאָף האָט אונדז ארומגענומען,

נאָר עס גלוסט זיך זען דאָס ווונדער:
וועט אליהו טאקע קומען?

אויך אצינד ס'איז ערגעץ יום־טוב,
אויך אצינד ס'איז ערגעץ פריילעך
מצות, קעזלעך, ארבע כוסות.
און א יעדער ייד איז מלך.

אָבער דאָ ס'איז קאַלט און פינצטער,
טרויריק, און ס'איז אין־דער־וואָכן.
צו דעם ערשטן גרויסן סדר
גייט מען מאמעליגע קאָכן.

אונדזערע ארבע־כוסות זענען
אָנגעפילט מיט הייסע טרערן.
גאָט, וואָס האָסטו אונדז פארגעסן,
נישט צייט נאָך אויסגעלייזט צו ווערן?

1943

געוועז בין איך...

געוועז בין איך ווי מילדער פרילינגסווינט
און כ׳האָב געליבט ווי קינדער ליבן:
געליבט כ׳האָב מענטש און בארג און פעלד.
מיין הארץ ארומגענומען האָט די גאנצע וועלט.

איצט איז מיין הארץ ווי ווילדער שטורמווינט,
און ליבע גרייכט נאָך קוים פאר מאן און קינד.
ווייל איצט דער מענטש דעם מענטש איז וואָלף און ניט קיין ברודער
צי וועט ער מענטש א מאָל נאָך ווערן ווידער?

1942

דער צוג

געלעבט האָב איך אין א קלײנער שטאָט
וו ווייניק רוים צום אָטעמען מען האָט.
און אז געוואָרן ס׳איז מיר ענג און ענגער —
געבענקט צו זען כ׳האָב פרעמדע מענטשן פרעמדע לענדער.

בין איך אויפגיך צום צוג געגאנגען,
דורך אים געפרוווט מיין טרוים דערלאנגען.
געפאָרן בין איך דורך מיין מדינה,
געזעגנט זיך פון וועלדער, טייכן, לאָנקעס גרינע.

דאן האָב געזען צום ערשטן מאָל איך פוילן,
און שפּעטער דייטשלאנדס שטעט פארשווארצט פון קוילן.
נאָר באלד באוויזן ס׳האָבן זיך מיר בעלגיענס שטעטלעך,
געפוצט און ריין ווי יונגע מיידלעך.

און פלוצעם איז דער צוג געבליבן שטיין;
אין א ים פון ליכט איך האָב פאריז דערזען.

געטראָגן ווען דער צוג מיך האָט צוריק,
די שווייצער לאַנדשאַפט האָט דערפרייט מיין בליק.

געזען איך האָב די גלעטשערס און די בלויע טייכן,
די שנייבאַדעקטע בערג, די שיינקייט אָן קיין גלייכן.
נאָר ווו מען זאָל ניט זיין, מעג זיין די פרעמד ווי שיין
עס קומט א טאָג ווען ווילסט אויפסניי דיין היימלאַנד זען.

פון בענקענישׁ געטריבן איך בין אַהיים געפאָרן.
מיין שטעטל כ׳האָב געפונען ווי צוריק מיט יאָרן.
— — — — — — — — — — — — — — —
נאָר דאַן אוי, וויי, געקומען איז א טאָג
ווען מ׳האָט מיין פאָלק ווי פי געיאָגט צום צוג.

און דאָס איז ניט געווען קיין צוג ווי אַלע צוגן, ריין און שיין,
קיין פענצטער זענען דאָרט אינגאַנצן ניט געווען.
געזעסן איז מען ניט ווי אין סאַלאָן
געווען ס׳איז קאַלט און פינצטער און פול שרעק אין פי־וואַגאָן.

און איצט איך וואַרט: א פרייער צוג
געפירט פון פרייער האַנט
זאָל פירן דאָס באַפרייטע פאָלק
אין מיין באַפרייטן לאַנד.

1944

מײַן ליד

איך רעד נישט מיט קיין ווערטער שײנע
פון זון, לבנה און פון שטערן,
פון שמעטערלינגען וואָס באַגערן
די צאַרטע רויז, די ליליע רײנע.

מײַן ליד איז האַרט; אין פּײַן געבוירן
אַן עדות ס'איז פון אונדזער לײד.
דעם מענטשן נאָר וויל איך באַזינגען,
פאַר אים די לידער זאָלן קלינגען
דעם קרבן פון דער ביטערער צײַט.

כ'האָב קיין רחמנות אויף די בלעטער
וואָס ס'רײַסט דער ווינט אין האַרבסטיק וועטער —
זיי פילן נישט ווי ווײ עס טוט
ווען ס'פליסט אַ שטראָם אומשולדיק בלוט.

מײַן טרוים פון גליק

פאר װעמען מײן ליבסטער זאָל איך מיך אויסװײנען,
װען ביטערע פײנען מיך נאָגן?
צי קומער׳ט דען עמעצן מײן װײטיק, מײן בענקען,
נישטאָ פאר װעמען צו קלאָגן.

נאָר דו קומסט מײן ליבסטער אין נאכטיקע שעהן,
דו קומסט בײם לבנה־שײן.
איך האָב פאר דער נאכט מיר א חלום באשאפן
און בין שוין מער קײנמאָל אלײן.

איך לאָז מײנע טרערן דאן רואיק פליסן —
דאן טרעפט זײ קײן פרעמדער בליק.
אין קומסטו געליבטער. דאן קען איך געניסן
מײן חלום, מײן שײנ׳עם, פון גליק.

און װען דײנע אָרעמס מיך צארט ארומנעמען
און איך דרוק צו מײן קאָפּ צו דײן ברוסט,

דאן פיל איך א פרייד ווי געווען וואָלט ער אמת,
ווי אמת געווען וואָלט די לוסט.

דו טיילסט אלע ליידן און טיילסט אויך די טרערן,
אזויווי די פריידן מיט מיר.
איך שלאָף דאן איין באגליקט און בארואיקט,
און חלום נאָך לאנג פון דיר.

1943

אין דער פרעמד

צומאָל א לופטעלע לינד,
א ווינטל וואָס קומט און פארגייט
איבער דיין פּנים ווייעט,
ווייעט און פארווייעט געשווינדט.

און פלוצלינג דיין אויג דאָ דערזעט
א לאָנקע מיט גאָלד־געלע בלומען
און גראָזן זיך שושקען און זשומען
און ערגעץ א וואסערל גייט.

איז עפּעס דיר מאָדנע אזוי,
ווי גלייך ס'וואָלט געשוועבט אין דער לופט
פארטרויטער זיס־היימישער דופט
פון פרילינג און נאס־פרישן טוי.

דאָס היימלאַנד דאָס ווייטע אין מיי
געשטאַנען פאַר דיר און סעקונדען
געברענט האָבן אַלטע וווּנדן —
און שוין אַט איז אַלצדינג פאַרביי...

1944 מיי

עס האָט זיך אין מיר א סטרונע צעריסן

אין הארצן ביי מיר איז געווען א פידל
וואָס האָט מיר א ליד אזא פריילעכס געשפּילט.
דאָס פידעלע האָט נאָר פון ליכט געזונגען —
פון אלץ וואָס מיין הארץ האָט געטרוימט און געפילט.

ווען רואיק און שטיל ס'איז געווען אין וועלדל
קוים האָט זיך א בלעטל געשאָקלט אין ווינט.
מיין פידעלע האָט זיך דאן טענער געפונען
מילד און קלאָר ווי דער טרוים פון א קינד.

אין הארצן ביי מיר איז געווען אן אָרקעסטער
און טויזענטער לידער עס האָט אויסגעשפּילט,
מוזיק, מעלאָדיע, ווו זענט איר אנטלאָפן?
צי רוישט אפשר אנדערש דאָס וועלדל אין ווינט?

עס קלינגט ניט מיין ליד מער ווי קינדערלאכן
זילבערן קלאָר און ריין,

די מעלאָדיע איז א הארטע געוואָרן
ווי ארויסגעשניסן פון שטיין.

פון פינצטערן צער, פון ביטערן צאָרן
איך קען מער מיין הארץ ניט אָפּווערן
דערטראָנקען עס ווערט אין א תהום פון טרויער,
פון בלוטיקע יידישע טרערן.

עס האָט זיך אין מיר א סטרונע צעריסן.
פון מענטשלעכן ווי שפּילט מיין פידל אצינד —
עס ברענגט ניט צו טראָגן מער קיין מעלאָדיעס
אויף זיינע פליגל דער פרילינגסווינט.

מאָנילעוו *1942*

קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן

קיינמאָל נישט פאַרגעסן

הער שוין אויף צו וויינען,
הער שוין אויף צו קלאָגן!
פון אַ ליד אַ שיינעם
צו מיר ווערטער זאָגן.

הער מיין ליבער דיכטער:
נאָך אַזויפיל יאָרן
זענען מיינע אויגן
טרוקן שוין געוואָרן.

ס'האָבן זיך די טרערן
אין אַזויפיל יאָרן
אין מיין האַרץ געזאַמלט
און אַ שטיין געוואָרן.

אַ מצבה איז ער
פאַר די שוועסטער ברידער

וואָס מען האָט געוואָרפן
אין די מאסנגריבער.

האָב איך אלע גענומען
פון אזויפיל טויטע,
דאָרטן אויסגעקריצט
מיט אותיות בלוטיק רויטע.

ס'וועלן יענע ווערטער
אייביק אין מיר לעבן,
קאָן איך נישט פארגעסן
וועל איך נישט פארגעבן!

א ייִדיש שטעטל אין פּוילן

ס׳איז קיינער דאָ? ווו זענען זיי?
ווו קען מען זיי געפינ׳ען?
— אין וואַלד זיי זוך, אויף זייער גרוב
איצט יונגע ביימלעך גרינען.

און זייערע באָבע־זיידע ווו,
ווו זענען זיי פאַרבליבן?
האָט מען פון זייער אייביקער רו
אויך זיי אַרויסגעטריבן?

אונטער די הייזער־בלאָקן דאָרט
ס׳האָט גערוט זייער געביין.
אַרויסגעריסן פון דער ערד
מ׳האָט עס מיט אייזן־צײַן.

אַרומגעוואָרפן און צעשפּרייט
זענען געלעגן שאַרבן

פון יידן, וואָס אַ דאָ געלעבט
און וואָס אַ דאָ געשטאָרבן.

און צו דעם אָרט וווּ ס'האָבן זיך
פאַר אונדז געמיט די זיידעס
פֿאַרפינצטערט קוקט אַראָפּ די שול
אַ טויטער, שטומער עדות.

ווייל וווּ מתפלל מ'האָט אַמאָל
אין שול פון שטאָט, דער שענסטער
קיין אָרון קודש מער פאַראַן,
צעהאַקט זענען די פענצטער.

איצט אַ פאַרשוואַרצטע
זי שטייט אין טיפן טרויער,
אין שטעטל אָן קיין יידן, וווּ
זי איז אַ פּוסטע מויער.

אוישוויץ 1960

איידער איך האָב דאָ מיט שטויביקע זוילן
דיין הייליקן באָדן באַטראָטן,
א פונקט אומבאַקאַנטער מיר געווען ביסט אין פוילן,
א געשפּענסטיק בלוטיקער שאָטן.

היינט האָב איך געזען דיך און מיט טרוקענע אויגן
געפילט האָב דעם בראָך איך דעם שווערן.
מיט גרויקייט די זון איז געווען פאַרצויגן
און דער הימל געשטראָמט האָט מיט טרערן.

מיט גיפטיקן חוזק נעמט אויף דיך דער טויער
און זאָגט דיר: „ארבעט מאכט פריי״
און ווייטער אויב גייסט, שטייט מויער ביי מויער
און פאַרגליווערט אין לופטן פון טויט פיין דער געשריי.

און שפּרייזסטו אריבער די שוועל פון די שטיבער,
טרעטסט אריין אין די טויט־הייזער דאָ,

עס שטיקט דיך דער שוידער, דו גייסט ווי אין פיבער
און עס ציט די מינוט זיך לאנג ווי א שעה.

וויטרינעס. און הינטער וויטרינעס טליתים.
פון קינדערישע שיכלעך דערנעבן א בארג.
און הויפנס וואליזקעס פון טויזנטער מתים
עס קלעמט דיר דעם אָטעם, אן אנגסט־טרוים דיך ווארגט.

פיל טויזנט מאָל טויזנט געמאָרדעטע יידן
און הונדערטער מויזנטער אנדערע נאָך,
צעשאָסן, פארברענט און צו אש צעריבן —
מיט טרוקענע אויגן איך וויין אויף דעם בראָך.

איך טרעט אויף יידישע ביינער און וויין נישט
נאָר האס אומגעצוימטער דערוועקט זיך אין מיר,
אויף קנאָכן פון מענטשן איך טרעט און איך וויין נישט
נאָר זידיקן צאָרן אין הארצן איך שפיר.

דער טויטן־צוג

איינגעשלאָסן אין וואַגאָן אין הייסן,
צוגעקלאַפּט די פענצטער און פאַרמאַכט.
טויזנטער אומשולדיקע נשמות,
גייען אויס פאַרדאַרשטיקט און פאַרשמאַכט.

אָנגעשפּאַרט פאַרחלשטע צו טויטע
גייען אויס ווי ברענענדיקע ליכט —
און דער צוג וואָס פירט צום טויט זיי אַלע
ווי אַ בייזע שלאַנג פּאַוואָליע קריכט.

פאַלן הייסער נאָך אַראָפּ די שטראַלן,
און די זין צעפלאַמט זיך און צעגליט,
דאָרט אין שרעקלעכע, אין וויסטע ליידן
ווערט דערשטיקט אַ ייד און נאָך אַ ייד.

זענען שוין די טרערן אויסגעטרוקנט
און קיין בעטן ברענגט שוין מער קיין טרייסט,

נאָר איין וואָרט עס שעפּטשען נאָך די ליפּן,
און דאָס איינע וואָרט: נקמה הייסט.

צי איז שוין דער דיכטער געבוירן,
צי וועט ער געבוירן ערשט ווערן,
צי זענען שוין ווערטער פאַראַנען
צי מוז מען ערשט נייע אויסקלערן.

און זענען קיין ווערטער פאַראַנען
זיי וועלן באַשאַפן נאָך ווערן —
און שפּעטער נאָך יאָרן נאָך לאַנגע
מען וועט זיי מיט פּחד אויסהערן.

און באָבעס זיי וועלן דערציילן,
און קינדער די אויגן פאַרייסן,
זיי וועלן די באָבעס טון פרעגן:
ווי האָבן די חיות געהייסן?

ווער חיות וואָס חיות נאַראָנים
מען האָט זיי דאָך מענטשן גערופן.

יאָ, מענטשן אָן הערצער, נשמות,
חיות מיט מענטשלעכע גופים.
פארשעמט האָבן זיי אונדזער נאָמען
די חיות מיט מענטשלעכן פנים.

פאַרגעסט נישט דאָס ליד

דאָס ליד פון פאַרטילעקטע דיכטער פאַרבליבן,
דאָס ליד וואָס הערש גליק האָט אין קאַמף אָנגעשריבן,
פאַרגעסט נישט דאָס ליד!

דאָס ליד וואָס מען האָט אין די געטאָס געזונגען,
וואָס האָט ווי אַן אויפרוף צו שלאַכטן געקלונגען,
פאַרגעסט נישט דאָס ליד!

געדענקט יענע לידער וואָס פלאַטערן ווי פאַנען —
די לידער ווינטשעווסקיס וואָס וועקן און מאָנען.
פאַרגעסט נישט דאָס ליד!
געדענקט אויך סינאָניס מיר שווערן, מיר שווערן.
און עדעלשטאַטס צוואָה —
און ראָזענפעלדס טרערן —
פאַרגעסט נישט דאָס יידישע ליד!

* * *

אַלטס ווערט עלטער, נייס אין ווייַ געבוירן
צו לעבן צו דערלייזנדיקע טאַט
וואָס בלעטערט אויף אין וועלטנלויף א בלאַט
און דאָרט פאַרצייכנט אייביק ווען זי דויערן.

בײַ דעם קבר וואָס וועט אמאָל געפונען ווערן

שטיי דאָ א רגע מיט געבויגענעם קאָפּ.
דאַן בייג זיך פּאמעלעך אלץ טיפער אראָפּ
און לייג צו דיין אויער צו דער בלוטיקער ערד,
און דערצייל אונדז בלחש, וואָס דו האָסט געהערט.

בלחש, כדי נישט צו שטערן די רו
פון די, וואָס עס דעקט דאָ דער קבר צו.
און הערסטו פון צאָרן שאלן דעם רוף,
דאַן ווייס: דאָ ליגט פון מארקיש דער גוף.

און הערסטו פון גלויבן קלינגען א ליד,
דאַן ווייס: דאָס קול דאָ פון האָפּשטיין גליט:
און הערסטו דעם ניגון דעם זיסן פון פלייט,
דאַן ווייס: דאָ ליגט קוויטקאָ דער צארטער פּאָעט.

און הערסטו א קרעכץ, א ווייפול געפליסטער
ס'איז בערגלסאָן, פּעפער, דאָברושין, דער נסתר —
זיי אלע מיט זייער פארשניטענעם ניגון

איניינעם מיט אנדערע צענדליקער ליגן,
אומשולדיק געטויטע, אָן דין און אָן ריכטער
דער ייד מיט זיין חכמה,
דאָס ליד מיט זיין דיכטער.

די פיר צייטן

אייביק יונג איז נאָר די זון

נאָך ק. פ. מייער

נעכטן האָט מיין שריט געפונען
מיין פארגעסן יוגנט־טאָל.
פוסטע איז זיין דנאָ געווען,
גרין די בערג ניט, ווי אמאָל.

מיינע טרוימען, מיינע שוימען,
בוקן־ביימער מלא חן —
אייביק יונג איז נאָר די זון
און זי אליין איז אייביק שיין.

דאָרט, ווו צווישן גראָזן הויכע
מיד דאָס פּאָטיקל סע ליגט,
האָט אין מיינע יוגנט־יאָרן
מונטער זיך א טייך געוויגט.

דורך די וויזען, דורך די ווערבעס
פלעגן טשערדעס צו גיין —
אייביק יונג איז נאָר די זון
און זי אליין איז אייביק שיין.

זוניקער טאָג

ווען מיטאָג שיט פון גילדנער שאָל
זיין ברכה אויס אין גאס,
דאַן אַלץ וואָס טונקל איז אין מיר,
ווי גיט געוועזן פאַרבלאַסט.

און אַלץ וואָס האָט אַלס שטילע פרייד
צומאָל אין מיר געלעבט
וואַכט אויף, ווען ס׳ליכט פון גילד׳נער שאָל
אַראָפּ פון אויבן שוועבט.

און יענער יאוש וואָס פון לאַנג
ער לויערט אין מיין בלוט,
ווערט געלם, ווען אין גילד׳נער שיין
די וועלט אין פרידן רוט.

נעכטן נאָך

נעכטן נאָך ביסט מיר געווען
כמעט ווי אומבאַקאַנט;
ניט מער ווי מאָדנע בלומענדופט,
וואָס צוגעטראָגן מיר די לופט
פון ווייטן טרוימענלאַנד.

און היינט ווי נאָענט ביסטו מיר,
ווי נאָענט ליבסטער מיין!
איצט ווילסטו גיין, פאַרלאָזן מיך,
איז מיר גלייך ווי אַ שטיק וואָלט זיך
אַ ריס טון פון מיין לייב.

שוואלבן אונטער מײַן דאך

די זון איז דאָך נאָך נישט ארויס פון איך בעט
וואָס האָט איר אייך שוין אזוי פרייליך צערעדט?
איר קלייניקע געסט פון אונטער מיין דאך?
איך זע, אז איר האָט צו דערציילן א סך.

געפלויגן איר זענט איבער לענדער און ימען
פון אייער נסיעה דערציילט איר מסתמא?
איך בין אייך מקנא וואָס אייך איז באשערט
צו זען אלע שיינקייטן פון אונדזער ערד.

און איך זיץ אָ דאָ ווי געבונדן מיט קייטן,
וואָלט איר נישט געוואָלט אויף א רגע זיך בייטן?
שענקט מיר די פליגל און שענקט מיר די לידער
צו קלעבן צור ערד איז מיר לאנג שוין דערווידער

1942

מיינע פריַינט

ס׳איז שפעטער הארבסט. אין שטוב איך בין אליין
כ׳האָב שוין געפּרוווט פון זיך אוועקצוגיין.
וו גייט מען עס ווען ווינט די צווייגן רייסט
און זיי מיט צאָרן דיר אין פּנים שמייסט?

ווען גרויער הימל טייכן טרערן גיסט
און געלע בלעטער וואלגערן זיך אין מיסט...
און דאָ אין שטוב ס׳איז אזוי טרויריק פּוסט,
א טיפער אומעט פּרעסט און קוועלט מיין ברוסט.

פון לאנגען שווייגן כ׳בין געוואָרן מיד
און מיד צו שרייבן נאָך א טרויריק ליד,
איך זוך א טרייסט, איך זאָל נישט ווערן קראנק,
און זיך דערזע מיין אלטן ביכער־שראנק.

א ברייטן גרויסן שלום גיט ער מיר,
ווי פאר א גאסט ער עפנט אויף זיין טיר.

און איצט אין שטוב איך בין נישט מען אליין,
איך הער פון הימל נישט מער דאָס געוויין.

ס'איז גוט צו טענהן מיט אן אלטן פריינט,
זיין ליבער שמייכל אלצדינג העל באשיינט,
פארטייבט דעם אומעט וואָס געפרעסט די ברוסט,
צום לעבן ווידער אויפגעוועקט די לוסט.

דערפאר איך זאָג אייך נאָכאמאָל מיין דאנק
איר גוטע פריינט פון אלטן ביכער־שראנק.

פרילינג

זאל קומען היינט די וועלט זיך מיט מיר פרייען.
ס׳קאן איבער אונדז קיין שליטה אומעט האבן
ווען ווייס־געקליידט צום יום־טוב ביימער שטייען
ווען בשמימדיק די פלידער־ריחות ווייען,

דעם פיראלס טרעלן אונדז מיט זיסקייט לאקן,
און מיר פארשיכורט פון דעם פרילינג גייען.
היינט וואלט אין די העלסטע פארבן־טענער
ס׳ליעבן איך געמאלט און אן א שאטן,

באזינגען עס מיט שטום מיט גלאקנריינער,
און אומעטום ווי נאר איך וואלט געטראטן
וואלט איך באפוילן בלומען אויסצושפרייטן
און מיט מיין פרייד איך וואלט די וועלט פארשאטן.

געלאזט מיין טיש פאר יעדנס שמחה גרייטן,
און כ׳וואלט געפרוווט דעם אומעט צו פארגעסן
וואס האט געלויערט אויף מיר אין די גאסן
און ווי א שפין מיין הארץ־בלוט האט געפרעסן.

ביים ים

כ׳האָב געזען דיך פאַרטאָג,
ביסט געלעגן פאַרטראַכט
און גרוי־שוואַרצע נעפּלען געהילט,
נאָר ס׳איז פּלוצעם אַרויס דיין געליבטע:

די זון —
האָסט באַלד דו איר נאַענטקייט דערפילט,
ס׳האָט איר גאָלדענער קוש
דיך אויפגעוועקט,
דיך באַשיט מיט אַ זילבערנעם רעגן.

ליגסטו אין שטראַלנגעוואַנט,
שימערירסט און דו שיינסט,
דיינע כוואַליעס יאָגן אַנטקעגן,
שיט אַראָפּ זי איר גאָלד,

און איר פייער צו דיר,
ווערסטו ווילדער, צעקאָכטער און הייסער.

רייסט צום ברעג זיך, און ווילסט
צור יבשה ארויס,

אפשר וועסטו איר דאָרטן זיין נעענטער,
ס'זינגט א לויב ליד דער ים
דער געליבטער א דאנק.
כ'לייג מיין אויער צום ברעג

און איך לויש דעם געזאנג,
איצט איך גנבע דעם ים
אלע שטראלן אוועק.
און איך וויקל מיך איין

אין זיין זילבערגער דעק.
ווערט מיר וואַרם און גוט
ווערט מיר גוט אָן א שיעור
אַלע ליידן ער האָט צוגענומען פון מיר,

ערשטער מיי אין בוקארעשט

אַ מענטשנשטראָם צעגיסט זיך איבער גאַסן
ווי לאַווע וועלכע זידט,
ווי כוואַליעס פונעם ים וואָס טרייבן דיך אַלץ פאָרויס,
עס רייסט דיך מיט,

און ווי די כוואַליעס הייבן זיך אָן נויגן —
דער שטראָם זיך וויגט.
עס שטאַרט די פרייד ארויס פון אלע אויגן,
און שטאָלצער בליק.

ס'איז יום־טוב היינט, האָט זיך די שטאָט מיט פאָנען
באפוצט אויפסניי.
עס ווינקט אראָפּ פון דעכער, פון באַלקאָנען,
„דער ערשטער מיי".

די לופט איז פול מיט יובל און געזאַנגען.
עס טראָגט דער ווינט

פון מענטשנשטראָם די הילכדיקע קלאַנגען
צו מיר אַצינד.

אַ בלומענפעלד האָט אויפן פּלאַץ דעם ברייטן
זיך אויסגעשפּרייט.
מיט פלאַטערנדיקע פאָנען, מיט טראָמפּייטן
דער פרילינג גייט.

האַרבסט

ס'איז בייגאַכט א גזלן אָנגעקומען
האָט ער אויסגעקוילעט אַלע בלומען.
האָט געריבט ביי זיי די דופטן און די פאַרבן
ליגן זיי פאַרשרפעט און שטאַרבן.

קוקט אראָפ דאָס בלויע אויג פון הימל,
זעט עס אונטן טויט א יעדעם בלימל.
ווערט דער הימל גרוי און גיסט מיט טרערן,
וויינט און וויינט און קען ניט מער אויפהערן.

האָבן זיך די פייגעלעך באהאַלטן
פאַרן אָטעם פונעם ווינט דעם קאַלטן,
נאָר א שוואַרציע קראָ צערייסט דאָס שווייגן
קראַקעט אויף א בוים מיט דאַרע צווייגן.

מיי־ליד

פארבן־פראכט — א וווּנדער חלום,
בלומען, גרינס און בלי.
דאָרשטיק טרינק איך אויס די שיינקייט
פון דעם אינדערפרי.

ווי פארכישופט מוז איך לוישן
דער נאטורס מוזיק.
בינען זשומען, בלעטער רוישן:
— לעבן, דאָס איז גליק.

צו דעם ליכטיק־שיינעם יום־טוב
היינט די וועלט זיך גרייט,
זינגט די ערד א לויב דעם לעבן
און א לויב דער פרייד.

ערשטער מיי מארשירט א שטאָלצער
אויף טעפּיכער פון סאמעט.
איך גיי אנטקעגן אים באגריסן
מיט דער פאָן וואָס פלאמט.

אין משך פון יאָרן

ווערטער

ס׳טרעפט זיך א וואכע איך ליג און טראכט
עס וויל זיך, נאָר ס׳קען זיך ניט שלאָפן.
ס׳קלאפט לאנגזאם דער זייגער, פארטרייבט די נאכט.
מיר בלייבן די אויגן אָפן.

דאן קומען די היימישע ווערטער צו גיין.
קומען מיט בילדער און גראמ׳ען.
טוליען זיך צו אזוי צערטלעך צו מיר
ווי קינדערלעך צו זייער מאמ׳ן.

איר גלויבט כ׳בין א פרעמדע געוואָרן צו אייך,
איך האָב אייך פארלאָזט און פאראָטן?
נישט אמת איר ליבע, איך טראָג אייך אין מיר
אזוי ווי מיין אייגענעם שאָטן.

איך קלויב אייך נאָר איצט נישט מער שטענדיק צונויף
אזוי ווי א בינטל בלומען,

איר קומט אויף א רגע, מיר שפּילן און דאַן —
איר גייט אזויווי געקומען.

היינט האָב איך דערפילט, אז איר האָט אייך פארבענקט
נאָך קלאָרן ריינעם פּאַפּיר,
איר ווילט נישט מער בלאָנזשען ארום נעבּעך
און קומען אלס גאסט נאָר צו מיר.

האָב איך אייך געזאמלט און ריי נאָך ריי
געשפּרייט אויף ווייסן — שווארץ.
ס'איז בעסער אייך אין טויטן העפט
ווי'ן לעבעדיקן הארץ?

זאָל זײַן געבענטשט דער אומרו מיר

געבענטשט דער שלאָף איז, וועלכער קומט
מיט לײכטע טריט בײנאַכט,
נאָר אויך דער אומרו, וועלכער זשומט
אין דיר, ווען ביסט דערוואַכט.

דו ליגסט, און ס׳עפנט אויף איר טיר
די גנאָד דיר שטילערהײט —
און ס׳קומט א וואָרט פון דאָרט אפיר,
א ניגון און א פלײט.

דו נעמסט דאָס וואָרט און נעמסט די פלײט
און שפּילסט דעם ניגון אויס,
און פרײדיק שפּירסטו ווי ער בעט
זאָלסט שיקן אים אַרויס.

איז ליגט ער און ער וואַרעמט זיך
אין דיר א שעה און צוויי;

און דאָן אַרויס ער טוט אַ קרייך
ווי ס'הינדעלע פון איי.

איז אויבן מיט זאַפטן פול דער שיר,
אויב לעבעדיק פאַרטראַכט,
זאָל זיין געבענטשט דער אומרו מיר,
וואָס וועקט מיך אין דער נאַכט.

נעם ארויס די קליידער שענסטע

פון שראַנק נעם ארויס די קליידער שענסטע
און יעדער טאָג זאָל יום־טוב איצט זיין.
נוץ אויס די רגע די סאמע קלענסטע
און טרינק דער פריידס קאַרג באַמאָסטענעם וויין.

און איבער די פלעצער טו זיך א טראָג,
ווו א צעשטראַלטע צומאָל ביסט געגאַן,
און נאָר א קליינעם זיפץ טו, א קלאָג,
אויף אלץ וואָס געווען און ניט מער פאַראַן.

און זוך אין די גערטנער די באַהאַלטענע באַנק,
ווו דו האָסט א גליקלעכע אָפטמאָל געווײלט,
זי ליבעפול גלעטן זאָלסטו — און לאַנג —
אין דערמאָנונג פאַרזינקען, און ניט זיך געאײלט.

אצינד, חען פון לעבן די שעהן זייַ רינען
אלץ שנעלע באַרג־אָפּ צו דעם פינצטערן ברעג,

נוץ אויס איצ, דעם אפשר לעצטן באגינען
אז פריילעך זאָלסט קאָנען זיך גרייטן אין וועג.

— — — — — — — — — — —

דער דיכטערן...
כ׳האָב דיך געפונען, זיך האָב איך פארלוירן,
ווי מאָדנע ווײַן איז דיין געזאנג געווען.
איין טרונק געטאָן, איצט שטאר, ווי איינגעפרוירן
איז אלץ אין מיר און כ׳פיל זיך אזוי קליין.

פון וואנעט דער נישט וועלקנדיקער חן,
וואָס ווערט פונסניי אלץ אין דיין ליד געבוירן?
זיין הויך אויף זיך פון זינט געפילט כ׳האָב ווייזן
כ׳האָב צו מיין ליד דעם חשק אָנגעווירן.

וואָס וואָלט געקאָנט איך צארטער דען נאָך זאָגן,
וואָס אנדערש, צי וואָס ליבלעכער ווי דו?
קאָן פון מיין וואָרט דען העלער זיין דער שיין?
דיך נאָר דורך ליבע וועל איך גובר זיין.

קלאָרקייט

מיר פעלט דאָס וואָרט אַלץ וואָס איך פיל צו זאָגן
און דיר צו דאנקען פאר דיין פרעכטיק וואָרט.
ווי פשוט איז עס און ווי מעכטיק פאָרט
די כוואַליעס זיך פון דיינע פערזן טראָגן.

פון אונדזער ווייטיק דיינע שורות קלאָגן
אין טרויער־ריטם שטייגן זיי און פאַלן,
נאָר אויך מיט טרייסטונג ווארעמער זיי שטראַלן
און ניי מיט צוקונפט אונדזעריע הערצער שלאָגן.

דיין יעדעס בילד, געפאָרמט פון מייסטער־האנט
איז ווי אין גאָלד געשטאָכן פיין און צארט,
און דיין געדאנק — ווי דורכזיכטיק קלאָר.

ביסט אָנגעפילט מיט קלאנגען ביזן ראנד,
מים פרוכבארקייט און קראפט פון דיר ס׳שפארט
און אָן אן עלטער שיינען דיינע יאָר.

עס טרעפט...

עס טרעפט מיך באפאלט א בענקשאפט
און אומדערטרעגלעכער ווייַ,
נעם איך ארויס דיינע לידער
און בלעטער לאנג אין זיי.

אז א מידע איך ווער אנטשלאָפן
מיט דיינעם א ליד אין האנט
איך בין נישט מער קיין פארלאָזטע,
מיר זענען ווידער באנאנד.

אמאָל עס האָט זיך געטראָפן
געהערט א קלאפן אין טיר —
איך לויף און איך פאל און איך זע דיך;
א בלייכער שטייסטו פאר מיר.

דו בעטסט ביי מיר „עפן שוין שנעלער!"
דעם שליסל איך קען נישט געפונען

איך זוך אים נאָר פּלוצעם דערזע איך
דו ביסט שוין ווידער אנטרינען.

איך ווייס, געווען ס׳איז א חלום,
אין חלום געווען ביסט ביי מיר.
די טיר וועט שוין בלייבן פארשלאָסן
אויף אייביק מיין פריינד, פאר דיר.

ווען איך וואָלט זיין א פרומע
אין שול כ׳וואָלט ליכט געצונדן,
אז דיין ריינע נשמה
זאָל איר רו געפונען.

בין איך אָבער א פרומע
קיינמאָל נישט געווען —
האָב איך געטראָגן בלומען
צו אן איינזאמען שטיין.

אויב דיין הארץ איז אויסגעברענט...

פרייד און טרויער, גליק און לייד
זאָלן דיר דיקטירן
דעמלט וועט דיין ליד צום הארץ
פון די מענטשן פירן.

אויב דיין הארץ איז אויסגעברענט —
ס'א טויטע קויל געבליבן,
ווארף אוועק די פּען פון האנט —
האָסט אומזיסט געשריבן.

מוח־ליריק, יאָ צומאָל
כ'לייען זי מיט פאַרגעניגן,
זאָגן אז איך האָב זי ליב.
ס'וואָלט געווען א ליגן.

מיך באגייסטערט און ס'ווערט נאָענט
דעמלט מיר א ליד,
ווען א סטרונע מיך ס'בארירט
און איך זינג עס מיט.

גרענעצן

וואָקזאלן, וואגאָנען נערוועזע געדראנגען, —
א פלאַץ צווישן פענצטער און טיר,
געלעכטער, פון לידער צעריסענע קלאנגען —
און אלץ ווי אין דר'היים אויך ביי דיר.

גרענעצן, גרענעצן — צו וואָס און פאר וועמען?
פעלן מיר זיי, צי פעלן זיי דיר?
מיט אָפענעם הארץ און אָפענע אויגן —
בין איך די שטחים אדורכגעפלויגן
זינג, צוג נאָר, דיין ניגון זינג מיר.

טאָלן און בערג און פעלדער און ביימער
און לאַנקעס און גרינס אָן א שיעור
און א מונטערער טייך וואָס טאנצט איבער שטיינער
און אלץ ווי אין דר'היים אויך ביי מיר.

שטעט ווו דער ריטם פון אונדזער יאָרהונדערט
דער האסטיקער, האמערט זיין שיר —

אומעטום ד'עם כוח פון מענטש כ'האָב באַוווּנדערט
ביי אייך ווי אין דר'היים אויך ביי מיר.

צי רוסלאנד, צי טשעכיע, אונגארן, פוילן —
קיין מחיצה, קיין שיידוואנט איך שפּיר!
זאָל גאָרניט די שיינקייט אונדז נישט פאַרהוילן
נישט ביי דיר אין דער היים, נישט ביי מיר.

דאָס געזאַנג פונעם שטעטל

אונדזער שטעטל צו באַזינגען
ס'האָט קיין זינגער נאָך דערוויילט:
ס'האָט קיין שרייבער און קיין דיכטער
קיינמאָל נאָך פון אים דערציילט.

אמת, ס'איז נישט לייכט געווען,
ווערטער פּאַסיקע געפינען,
אַרום די ברודיק־ענגע געסלעך
לידער פּראַקטיקע צו שפּינען.

אויך די קלייטעלעך די קליינע
ביי דעם ברעג פון קרומע שטראָז
און די טאָפּליציע דאָס טייכל
האָבן נישט געריצט די מוזעס.

הייזלעך, הייפעלעך, גרוי און גרינלעך,
איינגעשטונקען ווי אין שימל,

און געדולט זיך, א פארשטויבטער
איז אפילו דאָ דער הימל.

נאָר פארשוויגן זאָל נישט ווערן
אויך זיין כבוד נישט און הן:
ס'זענען דאָ חברים גוטע
און נישט ווייניקע געווען.

און אין יענע קליינע הייזלעך
וואָס צו זיי דורך שלאָס מען גייט,
דאָרט סע האָבן קאָמוניסטן
צו דעם קאמף זיך צוגעגרייט.

אויך פון דאָרטן פאר די קעמפער
וואָס דאָפטאנא זיי געשטיקט,
שפייז און קליידער, טרייסט און גרוסן
לאנגע יאָרן מ'האָט געשיקט. —

היינט, — אוודאי נאָך נישט אלעס
איז שוין אנדערש דאָ געוואָרן.
אָבער זעט, אויס שטויב און חורבה
ווערט פאמעלעך נייס געבוירן.

מיט דעם היימלאנד אויך דאָס שטעטל
וואקסט און גיסט אָן פרייד און האָפן
אין די הערצער, — שענקען מיר אים
פול מיט ליבשאפט אָט די סטראָפן.

נעכט

איר פון אומרו, ווייען נישט געשטילטע,
זיעלטן נאָר מיט שלאָף־געבענטשטיע ניעכט,
בייזוע פינסטערע איר זענט מיר רעכט —
זיענט איר דאָך מיט פרוכטן אָנגעפילטע.

פרוכטן, וואָס זיי פאלן זיסע, מילדע
פון דיעם רייכן בוים פון פאָעזי'ע
מיר אין שויס אראָפּ כמעט אָן מי,
דאָך דערונגטער הארב'ע אויך און ווילדע.

זונדיער די אָט אָפּ איך דאן פון יענע,
פאק אין סטראָפן גאָר די רייפ'ע איין
און די אנדערע לאָז איך רואיק וויאנגען.

כאָטש באנאכט זיי זענען מיר אנטשטאנען,
זאָל, איר פריינט, אצינד ביי העלער שיין
גאָרנישט אייך אין פינסטערגיש דערמאנען.

דו האָסט גאָר לאנג...

דו האָסט גאָר לאנג גאָך צערטלעכקייט געבענקט
און איצט. די בענקשאפט, אויב זי איז געשטילט
און אליעס וואָס דו האָסט געווינטשט דערפילט —
פארוואָס דיין אויג אין טרערן איצט זיך טריענקט ?

א דאנק דו שיק פאר וונדערלעכע טעג,
וואָס פאר נאראָנים פרעגן נאָר זיך פאסט
דויערט עפּעס ליענגער נאָך דאָס גרויסע גליק,
עס בלייבט — ווער ווייסט ? נאָר אש אין הארץ צוריק,
וואָס אזוי אָפּט געריימט זיין פייער דו האָסט.

— — — — — — — — — — —

א וואָרט

א וואָרט קען זיין אמת, ס'קען זיין אויך א ליגן
און איך וויל נאָר הערן די וואָר.
די אויגן וואָס זענען פון הארצן דער שפיגל,
נאָר זיי זאָגן שטענדיק די וואָר.

שוויג ווייטער מיין ליבסטער און לאָז דיינע אויגן
נאָר רעדן צו מיר וועגן ליבע.
זיי וועלן מיר לייכטן, צוויי העלע מנורות
אין אָוונטן טונקלע און טריבע.

געקליבענע ווערטער

עס זינגען אזויפיל פּאָעטן פאראנען
וואָס קלייבן די ווערטער זיך אויס.
די הארציקע, פשוטע פון אונדזער לשון
ווי מיסט זיי ווארפן ארויס.

געקליבענע ווערטער, געקליבענע גראמען
און זעלטענע בילדער — ווי שיין.
עס קלינגען די סטראָפעס — עס הערט נאָר דאָס אויער,
צום הארצן זיי קיינמאָל דערגיין.

די קריטיקער וועלן די לידער דאן לויבן,
די אנדערע דיכטער זיי לייענען.
באוואונדערן וועט מען די גרויסע נעניטקייט,
דערוואַרעמען וועלן זיי קיינעם.

דערפאר ביי די ווערטער געהערט פון מיין מאמען
אזויווי ביז איצט — איך פארבלייב.
איך שרייב פאר קיין קריטיקער, פאר קיין פּאָעטן,
פאר פשוטע מענטשן איך שרייב.

ליידיק און פוסט

ליידיק און פוסט
ווי הארבסטיקע שוואלבן־נעסטער
מיין לעבן איז שוין פון לאנג,
וועט מיר די צוקונפט א שטראל נאָך שענקען?

צו באלייכטן מיין געזאנג?
צי וועלן שוין שטענדיק זיין מיינע לידער
אומעטיק און גרוי —
אזויווי עס זענען די טעג, די יאָרן
פון אן איינזאמער פרוי?

דער פּאָעט

ס׳האָט איינמאָל א לערער די קינדער געזאָגט;
באשרייבט וואָס איר ווילט אליין.
האָט איינער א שילער געמאָלן זיין קאַץ
מיט פארבן נאָך שענער ווי שיין.

ווען ס׳האָט דער לעדער געלייענט דעם פּאָעם
האָט געשיקט ער דאָס יינגל אהיים:
„ברענג זי אהער דיין קאַץ — ווייל איך וויל
דאָס באשריבענע זען״.
ווען ס׳האָט זיך באוויזן דאָס מיאוסקייט אין שול
ס׳האָבן אלע געחוזקט, געלאכט,
דער לערער אליין האָט געשאָקלט דעם קאָפּ,
ער האָט זיך א ווײַלע פארטראכט:
„דו ווייסט מיין קינד וואָס פון דיר וועט זיין?
וועסט ווערן א גרויסער פּאָעט!״
און אָט אזוי איז עס טאקע געשען —
זיין נאָמען איז נאזים היקמעט.

כ'האָב דעם גלויבן

כ'האָב דעם גלויבן קיינמאָל נישט פאַרלוירן
אין דעם מענטשן; און אין שווערסטער נויט
ווען פאַרטונקלט האָט די זון דער טויט,
אים אפילו אויך נישט אָנגעווירן.

כ'האָב אויף חברשאַפטן אָפט געשווירן
וואָס צומאָל אנטוישט זיי האָבן מיך.
אַנדערע געשפּינען האָבן זיך,
וואָס אַלע פּרואוון וועלן איבער דויערן.

ווען דײַנע בליקן

ווען דיינע בליקן האָבן מיך צערטלעך געגלעט
ווי מאמעשע הענט,
זענען די מעת־לעתן געווען קורץ ווי די רגעס —
ווייל קורץ איז די פרייד.

זינט דו ביסט אוועק
האָבן זיך די רגעס פארוואנדלט אין שעהען
די שעהן אין מעת־לעתן —
און יעדער מעת־לעת אן אייביקייט.

שאפנס־פרייד

פאר דער וועלט ס'איז זיכער קיין שאָדן
וואָס איך שרייב נישט יעדן טאָג א ליד.
ס'קומט א צייט ווען ס'וויל די האנט שוין רוען
און ס'איז אויך דאָס הארץ א ביסל מיד.

דאָך די תאווה מיינע צו דיער מוזע
קומט צוריק, ס'איז קיינמאָל נישט צו שפעט.
רייען זיך ווי פערעליעך די אותיות
פיל איך ווידיער וואָס ס'איז שאפנס־פרייד.

?וועט עס ווער אויפהייבן

אַנגעשיכורט כ׳בין פון פלידערדופט:
זינג איך ווייל איך קען ניט שווייגן,
ווען עס זינגט דער בלי אויף אלע צווייגן,
און א צויבער־פלייט זינגט אין דער לופט.

עפענען זיך די קנאָספן פון מיין ליד —
האָט עס ווי דער פרילינג זיך צעבליט.
פיל איך ווי עס צייטיקט זיך און רייף עס ווערט,
ווי א רייפער עפל פאלן ס׳וועט צו ד׳רערד,
?וועט עס ווער אויפהייבן
?וועט די פרייד מיר זיין באַשערט

יעדעס בייגעלע פאפיר

יעדעס בייגעלע פאפיר
ווייס און אומבאשריבן
איז פון קינדוויי; אָן פאר מיר
צוויבערהאפט פאוּבליבן.

ליידיק איז עס ווי א פעלד
וואָס נאָך נישט צעגראָבן,
וו צור ארבעט זיך געשטעלט
מענטשן נאָך נישט האָבן.

ביידע מוזן ערשט באפלאנצט
און באוואסערט ווערן,
אום פון זונענשטראלן באגלאנצט
פרוכטן צו געבן.

דרויסן גייט דער פרילינג שוין
שפאנט מיט פולן ברען,

און פון שפּאַצן דער המון
יובלט צו מײַן פּען.

האָט דער בויגן זיך צעבליט
ווי אויפן בוים דער צוויט
און עס פרייט מײַן יידיש ליד
זיך מיט די שפּאַצן מיט.

מיינע שפּראַכן

ווי בין באַגליקט מיט ווערטער איך אַלס מענטש,
ווי רייך קאָן איך געשטאַלטיקן די געפילן,
מיט דריי לשונות בין איך דאָך געבענטשט,
דריי אינסטרומענטן אויף מיין ליד צו שפּילן.

געשטאַמלט כ׳האָב אויף יידיש לאַנג נאָך איידער
איך האָב דאָס ערשטע קלאָרע וואָרט גערעדט,
דעם אלף־בית געלערנט האָט מיך דער טאַטע,
דערנאָך געלערנט כ׳האָב דעם אַלפאַבעט.

די ערנסט־מעלאַנכאָלישע ניגונים
די טרויריק זיסע ווערטער פון די דוינ̧עס,
זיי אויף רומעניש האָב איך פריי פאַרנומען
אָט דאָ, אין מיינע היימישע מקומות.

אויף יידיש פלעג איך שמייכל̧ען צו מיין מאַמען,
פון מיינע לייד דערציילן איר און פרייד.

איר יידיש ליד שווערמיטיקס פלעג צעפלאמען
מיין חשק אויף צו וואנדערן ערגעץ ווייט.

געלייענט אויף דייטש האָב איך די דיכטער מיינע,
צום ערשטן מאָל געפרווט זיך אלס פאָעט.
פארערט אויף דייטש האָב געטען איך און היינען,
מיט זייער וואָרט מיין ליבסטן אָפט געגלעט.

און ס׳איז מיין וואָרט אין יעדער פון די שפראכן
געווען א שפיגל שט׳ענדיק פון מיין זיין
ווי אָפגעשפיגלט אויף די בלאנקע פלאכן
מיין שמחה האָט זיך פונקט ווי טיפסטע פיין.

מיט דריי מתנות קעניגלעך באשאָנקען,
זיי דינען און זיי וועלן דינען מיר.
צו פאָרמען און געשטאלטיקען די געדאנקען
פון בענקעניש נאָך ליכטיקייט אָן שיעור.

דאָס וואָרט טוט פארזאָמען

אלץ וואָס זיך אומגעוויס רעגט
אין מיר אינעם טאָג דעם האלב־העלן
און וואָט מיך שטורמיש באוועגט
ווי אמאָל כ׳וואָלט דערציילן יעס וועלן.

נאָר איצט ווי אין תהום הער איך פאלן
מיין וואָרט, וואָס געשוימט און געפלאָסן,
גלייך־ווי ס׳וואָלט די שפּראך אירע קוואלן
אויף אייביקער צייט מיר פאַרשלאָסן.

איז פיר איך פאַרעקשנט,ע שטרייטן
מיט נעפלדיקע זילבען־פאנטאָמען.
א קלינגען איך הער פון דער וייטן,
נאָר דאָס וואָרט וואָס דערלייזט טוט פארזאָמען.

די מאמע האָט עס אָנגערופן „זיווג“

די מאַמע האָט עס אָנגערופן זיווג,
„באַגעגעניש“ געזאָגט האָט א פּאָעט
אויף דעם גיפֿיל וואָס ציט צו זיך צוויי מענטשן
ווי א פּאַרכּישופטער מאַגנעט.

נאָר אויב עס טרעפט אז דו וועסט דעם פאַרלירן
וואָס ס'האָט דער גורל דיר געבראַכט אין וועג —
און איינזאַמער וועסט וואַנדערן דורכן לעבן,
אין פּוסטקייט וועלן אויסגיין דיינע טעג.

רויזן

געהערט איך האָב עס אין אַן אַלטן ליד:
„אין שפּעטן האַרבסט אומזיסט די רויז נאָך בליט".
ס'איז נישט אַזוי און אַנדערש איז די וואָר.
די רויזן בליען כמעט דאָס גאַנצע יאָר.

די ערשטע קנאָספּן עפענען זיי אין מיי
און בליי'ן נאָך ווען דער זומער לאַנג פאַרביי—
אין שפּעטן האַרבסט ווען ס'לויערט שוין דער טויט,
זיי שטראַלן אַלץ נאָך אינעם טיפסטן רויט.

ביי דער שוועל פון נײַעם יאָר

אוועקגעקייקלט זיך א יאָר האָט ווידער
דריקט שווער זיין לאסט אויף מיינע גלידער.
נאָר ס׳איז מיין הארץ געבליבן פריש און יונג
און זילבערן ווי שטענדיק איז זיין קלונג.
א יעדן ווינט־שטויס פונעם טאָג איך שפיר.
לאנג, לאנג נאָכציטערן שטילערהייט אין מיר.
טראָגט צו די שעה מיר א באשייד׳נע פרייד
קלאַפּט עס צופרידן אויס זיין באשייד
און באלד אין כּעס איך הער ס׳עס שטורמיש שלאָגן.

דארף עס צומאָל אן עוולה איבערטראָגן.
זאָל ברוגז זיין איך, וואָס אין אל די יאָרן
ס׳איז אויף קיין האָר נאָך קלוגער נישט געוואָרן?
זאָל איך זיין אימפּעט בענדיקן און צוימען
ווען ס׳דראפּען צו די הימלען זיך די טרוימען?

אלץ וואָס אין פרילינג זיך אין אים גערעגט,
און וואָס אין זומער האָט עס זאנפט באוועגט,
און וואָס אין ווינטער האָט זיין גאנג באשווערט,
זאָל גיין אין אלטן ריטם אומגעשטערט
ווי לאַנג אין מיר אים קלאפן איז באשערט.

דעם יאָרהונדערט פֿון די ספּוטניקעס

הײַנט אין סאָנעטן קאָן מען ניט מער לויבן
די טונקלע אויגן פֿון א צאַרטער פֿרוי.
דעם פֿרילינגס־ווינט, דעם פּערלדיקן טוי.
הײַנט מײַן יאָרהונדערט ווערט אין ליד דערהויבן.

פֿון וועלטן־גאַנג דער ווײַזער זיך געשויבן
און מײַלן פֿיל דער שטראָם פֿון צײַט געפֿלאָסן.
מיט דאגות נאָך פֿיל אַנדערע אָנגעגאָסן,
מיט אַנדערע צילן איז זײַן בעט ביז אויבן.

הײַנט לאָזט מיך יענע וואָס די הימלען שטורמען
מיט וווּנדער־ווערק פֿון טעכניק און פֿון גײַסט,
פֿול גלי און אימפּעט ניי דאָס לעבן פֿאָרמען

מיט שטאָלצע פּלענער, מוטיקע געחעטן
און פֿאַרן גליק און שלום קעמפֿן דרייסט
זיי לאָזט מיך הימנעס ווידמען און סאָנעטן.

פרײַנט מײַנע

כ׳האָב דעם גלױבן קײנמאָל נישט פאַרלױרן
אין דעם מענטשן — און אין שװערסטער צײַט
װען פאַרטונקלט ס׳האָט די װעלט דער טױט
אים אפילו אױך נישט אָנגעװױרן.

כ׳האָב אױף חברשאַפטן אָפט געשװױרן,
װאָס צומאָל אַנטױשט זײ האָבן מיך.
אַנדערע געשפּינעצן האָבן זיך
װאָס אַלע פּרוּװן װעלן איבער דױערן.
פרײַנט,
אַרום מיר שטײט איר פעסט װי מױערן!

ווי די ערד

ווי די ערד מיט זאפטן אָנגעווייקט
בין איך איצט מיט פארבן, קלאנג און בילד,
און איך בייג מיך ווי די זאנג זיך בייגט
ווען איר הילז מיט קערנדלעך זיך פילט.

בעט איך; לאָז די שפע זיין אין מיר
מוטער ערד, ביז לעצטן לעבנסטאָג.
ווען צעשיידן וועל איך זיך פון דיר
בלייבט דיר סיי ווי אלץ וואָס איך פארמאָג.

אינהאלט

די אלטע היים

די באלאדע פון דעם דאָרפס ייד 6
מיין מאמע 14
מיין פאָטער 16
דער באבעס מעשיות 18
דער מאמעס מוסר 20
דער זיידע מיטן אייניקל 22
מיינע שפילעכלעך 24
מיט באָרוועסע פיס 26
מיין בוים 27

אין געטאָ

אין טראנסגיסטריע 30
מיין פארמעגן 32
דער משכון 34
דער מאסנגרוב 36
בענקשאפט נאָך גליק 39
ביים מאשינדעלע 41
יוגנט — יוגנט 43

דער צוקונפטס־טרוים ... 45
צווײ הינט ... 47
פאריז 1943 ... 49
פסח אין דער היים ... 51
געווען בין איך... ... 53
דער צוג ... 54
מײַן ליד ... 56
מײַן טרוים פון גליק ... 57
אין דער פרעמד ... 59
עס האָט זיך אין מיר א סטרונע צעריסן ... 61

קײנמאָל נישט פארגעסן

קײנמאָל נישט פארגעסן ... 64
א יידיש שטעטל אין פוילן ... 66
אוישוויץ ... 68
דער טויטן־צוג ... 70
פארגעסט נישט דאָס ליד ... 73
ביי דעם קבר וואָס ועט אמאָל געפינען ווערן ... 74

די פיר צײַטן

אייביק יונג איז נאָר די זון ... 78
זוניקער טאָג ... 79
נעכטן נאָך ... 80
שוואלבן אונטער מײַן דאך ... 81

מײנע פרײנט 82
פרילינג 84
בײם ים 85
ערשטער מײ אין בוקארעשט 87
האַרבסט 89
מײ־ליד 90

אין משך פון יאָרן

װערטער 92
זאָל זײן געבענטשט 94
נעם ארױס די קלײדער שענסטע 96
קלאָרקײט 98
עס טרעפט... 99
אויב דײן הארץ איז אויסגעבריענט 100
גרענעצן, גרענעצן 102
דאָס געזאַנג פון עם שטעטל 104
נעכט 107
דו האָסט גאָר לאַנג... 108
א װאָרט 109
געקליבענע װערטער 110
לײדיק און פוסט 111
דער פאָעט 112
כ'האָב דעם גלויבן 113
װען דײנע בליקן 114
שאַפנספרײד 115

וו׳עט עס וו׳ער אויפהייבן? 116
יעדעם בייגעלע פאפיר 117
מיינע שפראכן 119
דאָס וואָרט טוט פארזאָמען 121
די מאמע האָט עס אָנגערופן זיווג 122
רויזן 123
ביי דער שוועל פון נייעם יאָר 124
דעם יאָרהונדערט פון די ספוטניקעס 126
פריינט מיינע. 127
ווי די ערד. 128

לעקטאָר: מאיר ריספלער
טעכנישער רעדאקטאָר: סטעפאן לעפאָיעוו

דרוק פּאַ ק 1976.1.15 דערשינען: 1976.
פאָרמאט 100×70/24 הויך דרוק פּאפּיר פּאָרמאט
100/56×70. דרוק.בויגן 5,5. פארלאגס־בויגן
2,25 טיראזש: בראָשירטע 65 + 300 קאָפּיעס.
פרייז: 7 ליי

די באשטעלונג איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער פּאָליגראפישע אונטערנעמונג „דער 13־טער דעצעמבער 1918” בוקארעשט. סאָציאליסטישע רעפובליק רומעניע.
באשטעלונג נומער 1605